# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת משפטים תשפ"ה שנה י | גליון מס' 570

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

## מקיים זיין דער נדר - ווען א מענטש זעט די הצלחה

**"מְלֵאָתְךָ וְדִמְעֲךָ לֹא תְאַחֵר בְּכוֹר בָּנֶיךָ תִּתֶּן לִּי"** (כב כח)

רש"י (ע"פ תמורה ד א) טייטש די ווערטער: "מלאתך" - אז עס גייט ארויף אויף די ביכורים און דער "דמעך" - אז עס גייט ארויף אויף תרומה, דער פסוק איז מזהיר פאר'ן מענטש ער זאל אפשיידן תרומות ומעשרות לויט'ן סדר און נישט פארדרייען דער סדר הפרשה, מפריש צו זיין מעשר און נאכדעם געבן תרומה.

דער רב פון די שטאט שאקי **רבי חיים ירמיהו פלענסבערג** לייגט צו אז עס קען זיין אז מיט'ן נוצן דער אויסדרוק פון "מלאתך ודמעך" וויל די תוה"ק מרמז זיין נאך עפעס, ער וויל מרמז זיין איבער די צדקות.

דער סדר העולם איז אז ווען א איד פלאנצט איין די תבואה אין די ערד און ער שפאצירט ארום צווישן די פעלדער און ער זעט צו די הארוואניע וואס ער האט אריינגעלייגט אין די פעלד נעמט אים ארום א זארג. ער ווערט פאר'דאגה'ט וואס גייט זיין מיט זיינע תבואה, צי עס גייט ארויסקומען גוט צי נישט, אין אזעלכע מינוטן הייבט ער אויף זיינע אויגן צום הימל און בעט ער ביי הקב"ה אז די שניט זאל זיין א גוטער, עס זאל מצליח זיין, ווי דער לשון הפסוק אין תהלים איז (קכו ו): "הָלוֹךְ יֵלֵךְ וּבָכֹה נֹשֵׂא מֶשֶׁךְ הַזָּרַע".

אין אזא צייט איז מצוי אז דער איד זאל מאכן א נדר צו הקב"ה אז אויב די שניט וועט זיין גוט און פרוכטיג וועט ער מנדב זיין צדקה, אבער ווען עס קומט למעשה און די שניט גייט ארויס שיין, פארגעסט זיין הבטחה, ער געט נישט די צדקה.

צו דערמאנען דער איד פון זיין הבטחה זאגט אים די תוה"ק אן די ווערטער: "מְלֵאָתְךָ וְדִמְעֲךָ לֹא תְאַחֵר" - אז ווען דו שניידסט אפ די תבואה געדענק פון די הבטחה וואס דו האסט געמאכט ווען דו האסט געפלאנצט די תבואה און זיי עס ממלא. ('דברי ירמיהו')

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## עניית אמן – די כבוד פון מלכות שמים

אסאך מאל טרעף איך זיך טראכן איבער דעם 'אמן' און איבער איר טייערקייט. עס איז בסך הכל איין ווארט, עס געדויערט איר ארויסצוזאגן א סעקונדע, עס פאדערט נישט קיין הארוואניע, אבער דאך איז זי אזוי חשוב, אז חז"ל (דברים רבה ז א) דרוקן זיך אויס אויף איר שאין גדול ממנה לפני הקדוש ברוך הוא.

אז מען לערנט איבער די חשיבות פארשטייט מען אויך די פארקערטע, ווי הארב עס איז ווען מען קען ענטפערן 'אמן' און מען ענטפערט נישט.

א שיינער משל איבער די הארבקייט פון פארפעלן אן 'אמן' זאגט דער רבינו בחיי אין זיין ספר 'כד הקמח' (ערך אמונה). עס איז א משל צו א קעניג וואס איז געקומען צוגיין אין די שטאט אויף א באזוך. ווען די איינוואוינער פון די שטאט ווערן געוואויר אז דער קעניג גייט באזוכן די שטאט, הייבט מען זיך אן צו גרייטן אויף די באזוך ווי עס פאסט זיך ווען א קעניג גייט קומען באזוכן די שטאט.

די גאסן ווערן גערייניגט, די שאסייען אויסגעברייטערט, די גאסט הייזער ווערן אנגעגרייט מיט עסנווארגן, אלעס גלאנצט און בליטשעקט כיד המלך.

אין די טאג ווען דער קעניג קומט צוגיין אין די שטאט טוען זיך אלע שטאטסלייט אן די שענסטע קליידער און שטעלן זיך אויס אין די גאסן וואו די קעניג גייט דורכפארן אין איר. פון די פריע צופרי שעה'ן שטייט מען שוין אין די גאסן און מען ווארט אויפ'ן אנקום פון דער קעניג, יעדער שטופט זיך, מען כאפט פלעצער, יעדער וויל האבן די געלעגענהייט צו קענען זען דער קעניג און זיין סוויטע.

די באשטימטע שעה קומט צוגיין, די קעניגליכע קארעטע באווייזט זיך אין די שטאט. עס פארט צו צום צענטער פון די שטאט וואו עס גייט ווערן אפגעראכטן א פאראדע פאר'ן קעניג. ווען דער קעניג קומט אן אהין שטעלט זיך אויף דער מעיאר פון די שטאט און געבט א רעדע און באגריסט דעם קעניג. ער לויבט אויס דעם קעניג, ער דערציילט זיינע מעלות, זיינע ווערטער ענדיגט ער מיט א ברכה פאר'ן קעניג אז ער זאל לעבן לאנגע יארן און אז זיין מלוכה זאל בלייבן שטיין אויף אייביג.

ווען דער מעיאר ענדיגט זיין רעדע שרייען אלע אויס 'אמן' עס דונערט אפ א 'יחי המלך', אלע באגריסן דעם קעניג און לויבן אים.

צווישן די פארזאמלטע איז דא איינער וואס הערנדיג די ווינטשן איגנארירט ער עס, ווען אלע שרייען אויס 'אמן' שווייגט ער - ווי דער קעניג וואלט נישט געווען דא.

יעדער קוקט אים אן, מען שרייעט אים אן, א חוצפה, די קעניג איז דא און דו לאכסט זיך אויס.

"די זעלבע איז מיט אונז". פירט אויס דער רבינו בחיי. טאג טעגליך קומען מיר אין שול, מען שרייט אויס לויב ווערטער פאר הקב"ה, מען מאכט נאך א ברכה און נאך א ברכה, מען לויבט הקב"ה מיט די מעלה, מיט די מעלה, ווען א צווייטער הערט די שבח המלך שרייט ער אויס 'אמן' אבער איינער אינגארירט עס, צי איז עס נישט א זילזול אין הקב"ה, עס איז א פגיעה אין כבוד שמים.

עס קען זיין אז די בחינה איז מרומז אין תהלים [כט.ב] "הבו לה' כבוד שמו" - געט אפ כבוד פאר דער שם ה' - איר זאלט מקפיד זיין צו זאגן 'אמן' נאך יעדע ברכה.

אז מען איז זיך מתעמק אין דער משל הייבט מען אן צו באגרייפן די הארבקייט פון נישט ענטפערן אמן. מען פארשטייט אויך פארוואס דער קדמון רבי משה כהנא האט אזוי מחמיר געווען איבער וואס ער פארפעלט אן אמן און ווי עס איז לשונו בקודש אין זיין ספר 'דרך משה' [ליום יא] און מיר ציטירן דא זיין לשון: "כל איש מישראל ששומע ברכה מחויב לענות אמן, אפילו שומע מאשה או מקטן. **ואם שומע ואינו עונה - חייב מיתה**"! ('דרך משה' ליום יא).

די עונש פון 'חייב מיתה' קוקט אויס צו שארף אבער לויט די ווערטער פון דער רבינו בחיי פארשטייט מען עס - מען פארשטייט אז פארפעלן אן אמן גרעניצט זיך מיט ביזוי כבוד שמים.

איך האב אויסדערוועלט די וואך צו שרייבן איבער די הארבקייט פון אויסלאזן אן אמן לערנענדיג די ווערטער פון דער הייליגער ש"ך אין זיין ספר שפתי כהן איבער די 'אמן'.

אין די פרשה שטייט דער דין פון "כי ימכור איש את בתו לאמה". די פשוטע פשט איז אז מען רעדט פון אן אידישע דינסט אבער דער ש"ך זאגט אז דאס איז א רמז אויף כלל ישראל - די בתה אין די תורה איז כלל ישראל.

זי ווערט פארקויפט צוליב די חובות וואס זי האט פאר הקב"ה. זאגט די תוה"ק (שמות כא י): "וענתה לא יגרע" - ער איז מזהיר אויפ'ן 'אמן' אז דער מענטש זאל נישט גורע זיין אפילו איין אמן.

טאג טעגליך זאגט א מענטש אסאך ברכות, ארום אים ווערט געזאגט אסאך ברכות, אז מען וועט זיין נזהר אין איר צו ענטפערן יעדע אמן כאפט מען אריין א געוואלד פון אמנ'ס.

לאמיר בעטן פון יעדן איינעם וואס געפינט זיך ארום אונז אז די ברכות וואס ער מאכט זאל עכר מאכן בקול ובכוונה און אונז מזכה זיין מיט די גרויסע זכיה פון נאכזאגן 'אמן'.

**מיט א קריאה פון "הבו לה' כבוד שמו"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמאָרשטיין

# — די נישט געווארענע באגעגעניש - וועלכע האט געברענגט די הצלחה —

צווישן די חשובע אידן וועלכער דינען היינט ברבנות ציילט זיך רבי יחיאל בר לב.

ארגינעל איז ער געבוירן געווארן אין ארץ ישראל אבער מיט די יארן האט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע.

אין יענע יארן ווען ער האט זיך באזעצט אין אמעריקע איז נאכנישט געווען אזא אכשור דרא ווי היינט, די מצב האידישקייט איז געווען פול שוואכער ווי היינט און זוכנדיג צו בלייבן ערליך און געטריי, נישט צו ווערן נאכגעשלעפט נאך די אמעריקאנער לופט, האט זיך רבי יחיאל מקבל געווען א קבלה טובה, איידער ער איז ארויסגעפארן קיין אמעריקע, ער האט זיך פארגענומען אז ער וועט אייביג מקפיד זיין צו דאווענען תפילה בציבור.

דערציילט דער בארימטער מגיד מישרים הרה"ג רבי שלמה לעווינשטיין שליט"א די פאלגענדע מעשה:

אנקומענדיג קיין אמעריקע האט מען פארגעשלאגן פאר ר' יחיאל א תורה'דיגע פאזיציע אין די שטאט שיקאגא. די פאזיציע איז באשטאנען פון דינען אלץ מלמד אין די ארטיגע תלמוד תורה. מיט אן אויסטערלישע פלייסיגקייט האט ער זיך גענומען דערצו אריינלייגנדיג לייב און לעבן אין זיין ארבעט.


די שטאט שיקאגא

עס האט נישט לאנג געדויערט און רבי יחיאל האט זיך איינגעלידערט אין די שטאט ווערנדיג א טייל פון די קהילה.

ער האט שיין מצליח געווען אבער איין קליינינגקייט איז אים געשטאנען אין וועג, ער האט נישט געהאט קיין לעגאלע בירגערשאפט פון אמעריקע. דער סדר אין אמעריקע גייט אז ווען א פרישער בירגער אפעלירט צו ווערן א בירגער וועט ער ערשט באקומען א גרין קארד, די גרין קארד וועט אים געבן די מעגליכקייט צו קענען לעבן דארט כל ימיו, נאר אויב ער וועט וועלן וועט ער שפעטער קענען איבערדרייען די גרין קארד צו ווערן א פולשטענדיגער בירגער.

נאכ'ן זיך נאכפרעגן ביי די זאך קענער וואס ער קען טון דערוועגן האט אים דער רב פון די שול אנגעוויזן אויף א געוויסער אדוואקאט וואס וועט אים קענען ארויסהעלפן אין דער געביט.

רבי יחיאל האט זיך טאקע געווענדן צו דער אדוואקאט, יענער האט באשטעלט פאר אים אן אפויטמענט אין די לאקאלע עמיגראציע ביורא'ען ווען ער ווארענט אים אן אז ער זאל זיין צייטליך ביי די באגעגעניש און אויך זיכער מאכן אז ער מאכט א גוטער איינדרוק ווייל די באגעגעניש איז קריטיש, דאס וועט באשטימען צי ער קען באקומען א גרין קארד צי נישט.

די באגעגעניש איז באשטימט געווארן אויף פיר אזייגער נאכמיטאג. נארמאל וואלט די באגעגעניש נישט געדארפט נעמען צופיל צייט און רבי יחיאל האט אויסגערעכנט אז ער דאווענט טעגליך מנחה פינף אזייגער און לויט אלע חשבונות האט עס געדארפט שטימען, ער האט נאך גענוג צייט זיך צו קענען אומקערן באצייטנס צו דאווענען מנחה מיט מנין.

אלעס האט געדארפט גיין אין שפאן אבער במציאות זענען זאכן נישט געגאנגען אין שפאן.

אין דער באגלייטיגונג פון דער אדוואקאט איז ר' יחיאל געקומען צוגיין אבער גלייך ביים אנקומען האט דער סעקרעטער אים געלאזט וויסן אז דער באאמטער האט געשפעטיגט און אז עס ווארט אים אפ א שפעטיגונג.

רבי יחיאל איז געווען זיכער אז מען רעדט פון א קליינע שפעטיגונג, ער האט זיך אוועקגעזעצט אין די ווארט'ס זאל אויסווארטן אויף דער באאמטער אבער די זייגער האט זיך גערוקט און עס איז אנגעקומען די צייט פון מנחה.

א שווערע מלחמה האט זיך אנגעהויבן ביי ר' יחיאל. פון איין זייט ווארט ער שוין עטליכע חדשים אויף די באגעגעניש און אז ער וועט עס דערלייגן קען ער נאך פארלירן אלעס אבער דאגעגן האט ער א קבלה נישט צו דאווענען אן מנין.

די קבלה האט גובר געווען און נאכ'ן אויסרעכענען אז עס איז אים נישט געבליבן קיין צייט מקיים צו זיין ביידע האט זיך ר' יחיאל אויפגעהויבן פון זיין פלאץ און אנגעהויבן ארויסצושפאצירן פון די אפיסעס.

"וואו גייסטו?". האט דער אדוואקאט אים געפרעגט.

"איך גיי דאווענען".

"דאווען דא, דו ווייסט מיט וואס דו הייבסט זיך אן, דו דארפסט באלד שטיין פאר א פעדעראלער אגענט, מען שפילט זיך נישט ארום מיט אזעלכע זאכן".

"עס טוט מיר לייד, אבער איך גיי".

רבי יחיאל איז געווען שטארק ביי זיך אבער דער אדוואקאט האט נישט געקענט פארשטיין. בייזערהייט האט ער אנגעהויבן שרייען אויף אים אז ער טוט די טעות פון זיין לעבן אבער רבי יחיאל האט זיך גע'עקשנ'ט און האט פארלאזט די אפיס.

נאך מנחה האט ער זיך צוריקגעקערט צו די אפיסעס אבער זיי זענען שוין געווען פארשלאסן. דער אדוואקאט האט געהאט רעכט, די באאמטע האבן נישט געווארט אויף אים, ער האט דערלייגט זיין שאנס, ווער ווייסט צי עס וועט צוריקקומען און אויב יא - ווען וועט עס זיין?

וויסנדיג אז דער אדוואקאט איז בייז אויף אים האט ער אים נישט געקלינגען אבער אנשטאט דעם האט דער אדוואקאט אים אנגעקלינגען.

"הער איך וויל דיר דערציילן וואס איז געשען נאך דעם וואס דו ביסט אוועקגעגאנגען פון דארט".

אויף זיין שטומע האט מען געקענט הערן אז עס איז דא א בשורה טובה.

"דער באאמטער איז ארויסגעקומען פון צימער, ער האט געוואלט וויסן וויסן וואו ביסטו אהין געקומען? איך האב אים דערציילט די גאנצע מעשה. הערנדיג אז דו האסט פארלאזט צוליב א פרינציפ איז ער געווארן זייער איבערגענומען פון דיר זאגנדיג אז אזעלכע מחנכים דארף מען האבן אין לאנד, אזעלכע מענטשן וואס זענען גרייט צו דערלייגן אן אפויטמענט וואס זיי ווארטן שוין אויף איר זעקס חדשים צוליב א פרינציפ".

"זאג אים אז מארגן זאל ער נאכאמאל קומען". האט דער באאמטער אויסגעפירט.

דער אדוואקאט איז געווען גערירט פון די געשיכטע, קיינמאל פריער האט ער נישט באגעגנט אזא זאך אז א פעדעראלער אגענט זאל ארויסווייזן אזא גוטער אויפפירונג.

"עס מוז זיין אז עס איז די כח פון תפילה". האט ער אויסגעפירט.

רבי יחיאל האט אויסגעפירט אז ביי אים איז עס געווען א פשוטער זאך - ווייל פון תפילה בציבור דערלייגט מען נישט.

## איין 'אמן' איז מציל פון גיהנם

**"אִם בְּגַפּוֹ יָבֹא בְּגַפּוֹ יֵצֵא אִם בַּעַל אִשָּׁה הוּא וְיָצְאָה אִשְׁתּוֹ עִמּוֹ"** (כא ג)

**רבי יצחק שרים** פון די חכמי ארם צובה האט גע'דרש'נט:

דער פסוק (שה"ש ד ג): "כְּחוּט הַשָּׁנִי שִׂפְתֹתַיִךְ וּמִדְבָּרֵיךְ נָאוֶה" דרשנ'ען חז"ל (מדרש אגדת בראשית עט): "הַמְדֻבָּר שבכם נאה לפני..." - אז אויך דער 'מדבר' פון כלל ישראל איז 'נאה' - איז שיין ביי הקב"ה.

דער מדבר איז א רמז אויף די עמי הארצים, דער עם הארץ איז טרוקן ווי א מדבר. ער האט נישט קיין וואסער וואס איז דומה צו תורה, ער געט נישט ארויס קיין פרוכט, עס וואקסט נישט פון אים קיין געוויקסן, דאך איז ער 'נאוה' איז ער באליבט פאר הקב"ה מיט די ביסל וואס ער טוט יא, אז ער קומט אין שול און ער הערט די ברכות און ער ענטפערט נאך זיי 'אמן'.

די בחינה איז מרומז אין די וואכנדיגע סדרה. די תורה הק' זאגט **אִם בְּגַפּוֹ יָבֹא בְּגַפּוֹ יֵצֵא** דער 'בגפו' איז בגימטריא כמנין "אמן" אז אויך אויב עס איז אין די בחינה פון "בְּגַפּוֹ יָבֹא" אז ער וועט אנקומען צו דער יום הדין נאר מיט די זכות פון "בגפו" -פון אמן "יצא" וועט מקויים ווערן ביי אים דער "בגפו יצא" אז מיט דעם אליין ווערט ער ארויסגיין פון כף חובה צו כף זכות און ניצול ווערן מדינה של גיהנם.

די בחינה איז אויך מרומז אין דער פסוק אין איוב (לג כג-כד). דער פסוק זאגט: "אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי אָלֶף לְהַגִּיד לְאָדָם יָשְׁרוֹ; וַיְחֻנֶּנּוּ וַיֹּאמֶר פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שָׁחַת". דערווארט "מלאך" איז די זעלבע גימטריא ווי"אמן"; עס קומט צו זאגן אז אפילו אויב דער מענטש האט נאר "מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד" - נאר די זכות פון איין אמן איז די זכות כדאי פאר זיך אליין אז ער זאל צוליב איר ווערן באפרייט פון גיהנם און דער בית דין של מעלה זאל אים דן זיין לזכאי און פודה זיין מרדת שחת ('ליקוטים מפרדס' ח"א ערך אמן אות ב)

## אן אמן יתומה און אן אמן אלמנה

**"כָּל אַלְמָנָה וְיָתוֹם לֹא תְעַנּוּן"** (כב כא)

אויף די ווערטער : "ויתום לא תענון" זאגט רבינו אפרים אז דאס איז א רמז אויף אן אמן יתומה ווייל די סופי תיבות פון די ווערטער איז אמן.

דאס קומט מרמז צו זיין אז מען זאל אכטונג געבן פון אן אמן יתומה.

אין די פוסקים (שו"ע או"ח קכד ב, ובנושאי כלים שם) ווערט מבואר דריי וועגן ווען אן אמן ווערט אן אמן יתומה:

**א.** די ערשטע פאל איז ווען ער הערט אז דער ציבור ענטפערט אמן אבער ער ווייסט נישט אויף וועלכע ברכה זיי ענטפערן אמן - אפילו אז עס איז א ברכה וואס ער איז מחוייב מיט איר.

**ב.** ווען ער ווייסט יא וועלכע ברכה דער חזן מאכט און ער איז מחוייב מיט די ברכה אבער ער הערט נישט די ברכה.

**ג.** ווען ער ענטפערט אמן נאך דעם וואס עס איז אריבער מער ווי די שיעור פון"כדי דיבור" דהיינו ווילאנג עס געדויערט צו זאגן דריי ביז פיר ווערטער פון ווען מען האט געענדיגט די ברכה.

•

דער רב **רבי אליעזר הורביץ מטארניגראד** לייגט צו אז אזוי ווי חכמים האבן צוגעגליכענט דער ענטפערן 'אמן' אן קיין ברכה צו א יתום וואס האט נישט קיין טאטע, ווייל עס פעלט פאר'ן אמן איר טאטע און ער איז ווי א יתום (ראה סמ"ג עשין כז), דארף מען אנרופן אן אמן וואס מען ענטפערט אן קיין כוונה אן "אמן אלמנה".

די צושטעל איז אז אזוי ווי אן אמן אן א ברכה איז "כגוף בלא נשמה" איז די זעלבע זאך אויך אן אלמנה וואס עס פעלט איר דער מאן, ווייל די נשמה איז צוגעגליכענט צו א מאן וואס איז משפיע און אז עס איז כגוף בלא נשמה איז די 'אמן' אן אלמנה.

מיט די בחינה קען מען צולייגן צו דער דערמאנטער ווארט אז אויך דאס איז מרומז אין דער פסוק **וְיָתוֹם לֹא תְעַנּוּן** אין פסוק שטייט דאך "כל אַלְמָנָה וְיָתוֹם לֹא תְעַנּוּן" -ווייל עס איז אויך מרמז אויף אן 'אמן' וואס איז אן אמן אלמנה. ('נועם מגדים').

## לאז נשט אויס - אפילו איין 'אמן'

**"אִם אַחֶרֶת יִקַּח לוֹ שְׁאֵרָהּ כְּסוּתָהּ וְעֹנָתָהּ לֹא יִגְרָע"** (כא י)

דער מקובל **רבי מרדכי הכהן מצפת** שרייבט אז די ווערטער: "עֹנָתָהּ לֹא יִגְרָע" איז א רמז פאר'ן חובת האדם אז מען זאל מקפיד זיין מהתפלל צו זיין יעדע תפילה אין זיין צייט. ער לייגט צו אז וועגן דעם איז די תורה מדייק און שרייבט: "עֹנָתָהּ" מרמז צו זיין אויף די חובה פון אמן, אז דער איד זאל אויסהערן יעדע ברכה, אז עס זאל חלילה נישט פארפאלן גיין קיין איין אמן - ווייל אויף יעדע אמן וואס ווערט פארפאלן דערלייגט מען. ('שפתי כהן' על התורה).

די זעלבע בחינה שרייבט אויך דער מקובל **רבי מאיר פאפירש** און מיר ציטירן דא לשונו בקודש: "צריך תשובה גדולה למי שאינו עונה אמן. ואף שרק פעם אחת לא ענה, דהיינו כששמע איזה ברכה, אפילו על פרי או שמברך חברו על איזה מצוה, ומכל שכן בתפילת הש"ץ" ('אור הישר' [למהר"ם פאפירש] עמוד העבודה ז יח).



## "וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ"

"וויסן זאלט איר, טייערע אידן, אז אויב מען ענטפערט אמן כהוגן איז מען ממשיך אויף זיך און אויף די גאנצע משפחה שפע רב. די השפעות איז בגשמיות וברוחניות, מיט דעם פארטרייבט מען אויך אלע סארט קרענק פון שטוב. יעדער איד דארף אליין מאכן א חשבון הנפש וואס וויל ער בעסער - צי וויל ער גיין צו דאקטורים אדער וויל ער ענטפערן בקול און פארשפארן אלע ערליי צער" (המשפיע הרה"צ רבי אליהו ראטה, 'איש חסיד היה' עמ' רלא).

**לאמיר קומען פרי אין שול אריין און הערן ברכות השחר פון די מתפללים און אריינכאפן אסאך אמנ'ס און דאס וועט מגין זיין אויף אונז און עס וועט מקויים ווערן ביי אונז דער פסוק: "והסירותי מחלה מקרבך".**

זיך אנצושליסן און צו ווערן א שותף אין די געוואלדיגע זיכוי הרבים - פולט אויס דער אפליקאציע אין די 'נדרים פלוס' פראגראם און מיר וועלן אייך נאכשיקן די מאטריאל וואס איר דארפט האבן.

בְּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה
בְּקוֹל בְּכַוָּנָה בְּחַבְרוּתָא

## יסודות התפילה און דפרשה

# אויך א שריי וואס איז נישט 'כדין' ווערט געהערט

"כִּי הוּא כְסוּתֹה לְבַדָּהּ הִוא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ בַּמֶּה יִשְׁכָּב וְהָיָה כִּי יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי כִּי חַנּוּן אָנִי" (כב כו)

לכאורה איז שווער פארוואס האט די תורה מאריך געווען דא צו שרייבן "ושמעתי **כי חנון אני**" און מדגיש געווען דער 'כי חנון אני' און פריער (פסוק כב) ווען די תורה רעדט פון איינער וואס איז מענה א יתום אדער אן אלמנה שרייבט די תוה"ק נאר די ווערטער: "שמע אשמע צעקתו"?

געט דער **רשב"ם** צו פארשטיין, דער וואס פייניגט א יתום אדער אן אלמנה טוט שלא כדין. אין אזא פאל דארף די תורה נישט מדגיש זיין אז מען האט הערט אויס זיין תפילה, עס איז דבר פשוט, אבער דא רעדט מען פון א מלוה, וואס האלט די משכון פון זיין חבר. אזא איד טוט יא כדין וויל דער לוה האט דאך נישט געצאלט זיין חוב.

דאך זאגט די תוה"ק אז אפילו אז עס איז שלא כדין דאך וויל הקדוש ברוך הוא איז א "חנון" הערט ער די תפילה פון א איד אפילו אז עס איז שלא כדין.

אויף דער גאסטינענער רבי **האדמו"ר רבי יחיאל מאיר** ווערט דערציילט אז ביי איינער פון די גזירות וואס די רעגירונג האט ארויפגעלייגט אויף די פוילישע אידן איז ער ארויף אויף די בימה אין שול און נאך געברענגט די ווערטער פון דער רשב"ם און זיך אנגערופן: אויך מיר זענען נישט גערעכט, מיר זענען נישט ראוי אז אונזער צעקה זאל געהערט ווערן, אבער אז מען לערנט דעם רשב"ם זעט מען אויך אויב עס איז דא צעקה אפילו אז מען איז נישט גערעכט הערט מען עס למעלה וויל א צעקה הערט מען אלעמאל.

דערביי האט ער אויסגעפירט צו די פאראזאמלטע: לאמיר שרייען למעלה און צוגלייגט די ווערטער וואס מען זאגט ביי די הושענות אין הושענא רבה "הושענא זועקים הושענא". און מעורר געווען דעם ציבור לזעוק ולהריע אל ה'.

דער ציבור האט טאקע מעורר רחמים געווען און די גזירה איז בטל געווארן.

'מי הים' לקוטי מהרי"ם עמוד יט

## שערי גן עדן

### אמן און ברכות אין די ווערק פונעם בעל הילולא

# הגר"י אדלשטיין

## כ"ו בשבט תשע"ז



דער נשיא פון בני אמונים רבי יעקב דוב מארמערשטיין ביי א באזוך במעונו פון הגר"י אדלשטיין זצ"ל

דער גאון רבי יעקב אדלשטיין איז געבוירן געווארן אין יאר תרפ"ד צו זיין פאטער רבי צבי יהודה, דער רב פון שומיאץ - א שטאט אין די מערב טייל פון רוסלאנד.

אין יאר תרצ"ד איז ער ארויף מיט זיין גאנצער משפחה פון רוסלאנד קיין ארץ ישראל, זיי האבן זיך באזעצט אין די שטאט פון 'רמת השרון', דארט איז זיין טאטע ערוועלט געווארן צו דינען אלץ רב פון די שטאט.

אין יענע יארן האט רמת השרון נישט געהאט אן אייגענע תלמוד תורה, דער רב רבי צבי יהודה האט אליין געלערנט מיט זיינע קינדער. אנהייב אלול תש"ב זענען די קינדער אריבער צו לערנען אין די לאמזשע ישיבה. ווען עס האט זיך געעפענט די פאנעוויטשער ישיבה ווינטער תש"ד זענען זיי געווען פון אירע ערשטע זיבן תלמידים.

הרב אדלשטיין האט זוכה געווען אויך צו זיין פון די שטוב מענטשן פון דער חזון איש זי"ע. אזוי אויך איז ער געווען זייער מקושר מיט דער מקובל וצדיק נסתר רבי משה יעקב ראביקאוו וועמען מען האט גערופן 'דער שוסטער', פון אים האט ער געלערנט די תורת הסוד.

אין יאר תשי"א איז זיין טאטע נסתלק געווארן פון די וועלט און ער איז געווארן דער ממלא מקום פון די רבנות אין די שטאט, מיט די פאזיציע האט ער אנגעהאלטן גאנצע זיבעציג יאר, ביז צו זיין פטירה.

כל ימיו האט ער מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. אויסער וואס ער האט געדינט אלץ רב אין די שטאט האט ער אויך געדינט אלץ ראש הישיבה פון עטליכע ישיבות. אזוי אויך האט ער געדינט אלץ דיין אין די בית דין פון הגר"נ קארעליץ זצ"ל און אויך אלץ מרא דאתרא פון די 'נאות יוסף' געגענט אין בני ברק.

ער איז נסתלק געווארן כ"ו שבט תשע"ז אין די לניאדו שפיטאל אין בני ברק און מען האט אים געלייגט אין די בית החיים פון די שטאט רמת השרון - וואו ער ליגט מיט זיין משפחה.

# דער 'אמן' איז דער יסוד פון קבלת עול מלכות שמים

די בריוו האבן מיר באקומען פון הגאון רבי מרדכי שמואל איידלשטיין דער רב פון די 'נאות יוסף' געגענט אין בני ברק, ער טיילט אונז מיט איבער א מורא'דיגע סיפור בנוגע עניית אמן וועלכע האט פאסירט ביי זיין טאטע זצ"ל.

פאלגענד איז די בריוו:

**לכבוד די חשובע מערכת פון דער 'כל מאמינים' גליון**

עס איז ידוע די גרויסע מעלה פון עניית אמן, חז"ל זאגן שוין אין מסכת (שבת קיט ב), אויפ'ן פסוק (ישעיה כו ב): "פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים", "אל תיקרי 'שמר אמנים' אלא שאומרים 'אמן'".

עס איז אויך מפורסם בשם גדולי ישראל, דוכט זיך מיר אז מען זאגט עס נאך בשם דער דער מגיד פון קעלעם, אז ער האט געהערט אז די משנה אין אבות (ד יז): "יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה" גייט ארויף אויף די מצוה פון 'אמן'.

דער מגיד האט זיך געוואונדערט אז עס קען נישט זיין אז פאר אן 'אמן' באקומט מען נאר א "קורת רוח בעולם הבא" און נישט קיין 'שכר'.

לאמיר ענק מיטיילן וואס איך האב געזען ביי מיין טאטע זצ"ל בנוגע די אמן. אין די לעצטערע יארן איז דער רעדן ביים טאטן געווען זייער שווער אבער מיט דעם אלעם האט זיך דער טאטע נישט אפגעשטעלט נאר ווייטער ממשיך געווען צוגעבן אלע שיעורים.

ממש אין די לעצטע יאר פון זיין לעבן איז ער אריבער אן אפעראציע אויף די שטוס בענדער. די אפעראציע האט צוגענומען פון אים די מעגליכקייט צוקענען רעדן. ער האט קאמיוניקירט מיט צעטלעך אהין און צוריק. ווען די דאקטוירים האבן אים געזאגט אז זיי גייען פאררעכטן זיין שטומע האבן זיי אים געפרעגט מיט וועלכע ווערטער ער וויל אנהייבן רעדן האט ער געזאגט אז ער וויל אנהייבן מיט די צוויי ווערטער "אמן" מיט "תודה" גלייבנדיג אז אין די צוויי ווערטער ליגט דער יסוד פון דער מענטש, וויל דער 'אמן' איז דער יסוד פון אמונה און עס איז אויך מלשון 'אמת' און אין איר איז כלול דער גאנצער ענין פון קבלת עול מלכות שמים און עול מצוות און די ווארט "תודה" איז דער יסוד פון הכרת הטוב און דאס איז דער יסוד פון אלע מצות שבין אדם לחבירו.

יהי רצון אז זיין גרויסער זכות זאל עומד זיין פאר אונז און פאר גאנץ כלל ישראל אז מיר זאלן זיך אלע מתחזק זיין מיט דער 'אמן' און עס זאגן בכל פרטיה ודקדוקיה און ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז און פאר'ן גאנץ כלל ישראל.

